# מענדעלע מוכר-ספֿרים

# דער חילוף

אין חודש אדר, זאָגט די גמרא, מרבין בשׂימחה – פֿרייען זיך ייִדעלעך אויף וואָס די וועלט שטייט. דער שניי ווערט צעגאַנגען, אויף די וועגן – טוואַן, ייִדישע קינדער, פֿאַרשמירטע, פֿאַרדריפּעטע ביז איבערן גאַרטל, הייבן זיך אָן שאַרפֿן אַ מוח ווו נעמט מען אויף פּסח. הכּלל, ס׳איז זמן שׂימחתנו...

אָט אין דער חודש באַקום איך אַ בריוול פֿון מײַנעם אַ גלופּסקער אַ באַקאַנטן אַז איך זאָל למען־השם זען קומען וואָס גיכער אין זײַן מקום אַרײַן האַק און פּאַק – מיט דעם בײַדל און מיט די פּעקלעך ספֿרים. אויף צו מאַכן אַ חילוף: פֿאַר מײַנע אַלטע מינים סחורה וועל איך בײַ אים באַקומען די הײַנטיקע נײַע סחורה דהיינו אַלערליי מיני זאַמלביכער, מעטאָדעס, פּאָעזיע, בילדער און סקיצן העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, דערציילונגען פּסיכאָלאָגישע, עקאָנאָמישע, געזעלשאַפֿטלעכע, נאָך פֿײַנע קונציקע זאַכענישן, אַזוינע און אַזוינע, חנוכה־לעמפּלעך און נאָך עפּעס – אויך. דער דאָזיקער באַקאַנטער מײַנער האָט אַ סך פּרנסות און ווייניק ברכות: ער איז אי אַ מוכר־ספֿרים, אי אַ מעקלער, אי אַ שטיקל מחבר, אי אַ שטיקל פֿאַרלעגער און דערבײַ איז ער אַ קבצן דווקא אַ גרויסער, ניט פֿאַר ייִדישע קינדער געדאַכט. דער אמת זאָגנדיק, האָב איך אים ניט זייער שטאַרק געגלייבט ווײַסנדיק, אַז בשעת־הדחק איז ער, ניט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, אַ ליגנער, ווי דער שטייגער איז פֿון פֿיל סוחרים אַזוינע, וואָס כאַפּן איבער די מאָס בײַם קויפֿן און פֿאַרקויפֿן סחורה: זייערס איז גינגאָלד און פֿון יענעמס מאַכן זיי אַש.

דעריבער, לייענענדיק אין זײַן בריוול ווי ער מאַכט אַ תּל פֿון דער אַלטער סחורה און לויבט אין טאָג אַרײַן די נײַע, האָב איך ניט געמאַכט דערפֿון אַזאַ פּירוש. עט!... פֿון דעסטוועגן האָב איך זיך מיישבֿ געווען, אַז אַראָפּפֿאָרן קיין גלופּסק איז גאָר ניט קיין קרומע זאַך. וואָס זאָל איך מיר האַלטן מיט מײַן סחורה? שוין זיך

צוגעגעסן. מעגלעך, יענע איז ערגער, נאָר גוט־שלעכט, בעסער־ערגער – האַנדלען באַדאַרף מען!

געוואָלט האָב איך פֿאָרן טאַקע באַלד, כּדי איך זאָל נאָך אָנציען קיין גלופּסק אויף פּורים און זען די באַרימטע גלופּסקער פּורים־שפּילער, וואָס אַלע טאָג פֿון אַ גאַנץ יאָר זײַנען זיי, נעבעך, פּראָסטע נאַראָנים, און אַז עס קומט פּורים ווערן זיי מיט אַ מאָל דורכגעטריבענע חכמים און עס שיט זיך פֿון זיי גלײַכווערטלעך, ווי פֿון אַ לעכערדיקן זאַק. פּונקט ווי די גרויסע שיכּורים, להבֿדיל, וואָס גראָד אום פּורים זײַנען זיי ניכטער. איז עס אָבער מיר ניט באַשערט געווען: איך האָב, ווי אויף צו להכעיס, געמוזט בלײַבן נאָך עטלעכע טעג אין דער היים.

האַלטנדיק בײַ דער נסיעה האָב איך בדעה געהאַט צו קומען פֿונעם וועג אַהיים אויף פּסח, אם־ירצה־השם. דעריבער האָב איך פֿאַרן פֿאָרן געזען זיך פֿאַרזאָרגן מיט אַלע גוטע זאַכן, וואָס אַ ייִד דאַרף האָבן אויף אַזאַ יום־טובֿ. ר׳ לייב דעם מלמד האָב איך געבעטן מיך אין זינען האָבן מיט מצה־שמורה און דעם ווײַב האָב איך געזאָגט: למען־השם זאָלסט ניט זשאַלעווען קיין ראָזשינקעס, קיין וואַסער און זאָלסט מאַכן צימוקים־ווײַן כּיד־המלך. און אַ זאַק קאַרטאָפֿליעס זאָלסטו קויפֿן און גענדזן־שמאַלץ און אַ געהאָדעוועטע אינדיטשקע לכּבֿוד יום־טובֿ. אײַ וואָס, טאָמער וועט דיר פֿעלן געלט, זאָלסטו זיך דאַרויס גאָר ניט מאַכן און פֿאַרזעצן דײַן צירונג, אַ פּאָר חפֿצים פֿון בעל־הבתּישקייט, זאָלסט נישקשה גאָר קיין יסורים ניט האָבן. השם יתברך וועט מסתּמא מצליח זײַן מײַן וועג, וואָס דען? און צוריקקומענדיק אַהיים בשלום וועלן מיר, אם־ירצה־השם, האָבן אַ פֿריילעכן פּסח. מיר וועלן עסן קניידלעך און כרעמזלעך, פֿאַרטרינקען ראָזשינקעס־ווײַן און וועלן זיך ווילטאָן. דאַכט זיך באַוואָרנט אַלצדינג. וואָס טוט אָבער גאָט?

גאָט האָט געשיקט אויף דער וועלט אַ רעגן מיט אַ שניי, וואַסער מיט נאַסע שטיקלעך אײַז אין איינעם און דער וועג איז געוואָרן שלעכט ניט צו רירן זיך פֿונעם אָרט – ניט מיט קיין וואָגן, ניט מיט קיין שליטן, ניט מיט פֿערד און ניט צו פֿוס. ביטער! איך האָב זיך קוים מיט צרות געשלעפּט אַ תּחום־שבת אַ טאָג, יעדער טריט האָט געקאָסט מײַן בידנע פֿערדל אַ סך בלוטיקן שווייס, עס האָט זיך, נעבעך, געשלעפּט אַ פּאָר טריט – און בעך! מיטן קאָפּ אין

דער ערד! געפֿאַלן, אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר טריט – און ווײַטער געפֿאַלן. און איך, שלימזל, גיי בײַ דער זײַט, קנעט די בלאָטע, אויסגעשמירט ווי אַ רוח פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, גליטש מיך און פֿאַל איטלעכע מינוט, פֿאַל און קרעכץ: אוי!

און געקרעכצט האָב איך ניט נאָר אויף מיר אַליין, נאָר אויף דעם פֿערדעלע. מײַן בידנע פֿערדל נעבעך! פֿאַר וואָס קומט עס אים נעבעך אַזוי פֿאַרשוואַרצט צו ווערן? און נאָך צוליב וועמען? צוליב מיר. באשר איך האָב געוואָלט מיט אַ מאָל פּטור ווערן פֿון אַלע אַלטע סחורות, האָב איך דערמיט אָנגעלייגט אַ פֿולן וואָגן איבער דעם פֿערדלס כּוחות, אומברחמנות, פֿאַרגעסנדיק זיך, אַז ס'איז אַ צער־בעלי־חיים.

כּל־זמן דער בחור מײַנער האָט זיך נאָך מיט צרות געשלעפּט – געגאַנגען און געפֿאַלן, געפֿאַלן און אויפֿגעשטאַנען, געקראָכן אויס דעם הויט און איז דאָך געגאַנגען – האָב איך זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק, אים נאָך געוויזן אַ בײַטש, געשריגן און געטריבן. אָבער אַז דאָס פֿערדל איז סוף־כּל־סוף גאָר אין גאַנצן פֿאַרקראָכן אין אַ זומפּ ערגעץ אונטער אַ באַרג און האָט זיך אויסגעצויגן אין בלאָטע, ווי גרויס ער איז, אויסשטרעקנדיק די פֿיס און דעם ווײדל און געבליבן ליגן, ניט צו רירן מיט קיין אבֿר – האָט דאָס ייִדישע האַרץ זיך אָנגערופֿן אין מיר מיט אַ מוסר, אַזוי: נאַרישער ייִד איינער! האָסט גענומען אַ כּשרע בהמה און איר פֿאַראומערט דאָס לעבן מיט שווערער אַרבעט, מיט אַ גוזמא בינטלעך ספֿרים דײַנע, מיט פּעקלעך שמות! יעדע זאַך האָט דאָך אַ שיעור. ציגל און שטיינער, אַ שטייגער, קען מען אָנלייגן אויף אַ פֿערדל נאָר ביז אַ מאָס, אַניט וועט עס ניט אויסהאַלטן, און דו האָסט אַרויפֿגעלייגט אויף דײַן פֿערדל, אויף אַן עלנטע באַשעפֿעניש, די גאַנצע משׂא פֿון דעם ייִדישקייט, דעם גאַנצן עול פֿון ייִדישע פּעקלעך! וואָס זשע האָט זיך אויסגעלאָזט? דאָס גאַנצע באַשעפֿעניש מוטשעט זיך נעבעך, קײַכט, גייט אויס ניט אַלע כּוחות, קען זיך ניט רירן פֿונעם אָרט און פֿאָכט מיט דעם נשמה. גיב אַ קוק, ווי עס ליגט פֿאַר דיר אָן אַ סימן פֿון לעבן. ממש ווי אַ נבֿלה.

מילא, צו וואָס לאַנג ברײַען? פֿריער איז עס געווען „ווי אַ נבֿלה", שפּעטער אַ ביסל איז געוואָרן טאַקע אַ נבֿלה – מײַן פֿערדל איז געפּגרט!...

איך בין געגליכן געוואָרן אין יענער צײַט צו אַ קאַפּיטאַן, וואָס זײַן שיף איז אים אונטערגעגאַנגען אין מיטן ים. איינער אַליין שטיי איך אין מיטן וועג, און אַ ים פֿון בלאָטע שפּרייט זיך מיר אַרום און אַרום. דאָס פֿערדל ליגט טויט, דער וואָגן איז ביז איבער די אַקסן אין בלאָטע, מאָרגן איז ערב־פּסח און מיר איז ביטער און פֿינצטער אויף דער נשמה. איך ווייס ניט וואָס מען טוט, וואָס מען הייבט אָן צו טאָן. אַ ייִד האָט דאָך אָבער אַ רבונו־של־עולם; אַז ס'ווערט אים שוין גאָר ענג, דערמאָנט מען זיך אָן זײַן ליבן נאָמען. אַזוי האָב איך אויך געטאָן. ס'איז געווען מינחה־צײַט. האָב איך מיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים קיין מיזרח, געזאָגט פּטום הקטורת, געדאַוונט פּאַמעלעכן, בנעימותדיק, מיט כּוונה, געצויגן דאָס דאַוונען ביז ס'האָבן זיך באַוויזן שטערן. הקדוש־ברוך־הוא האָט געהערט מײַן תּפילה און האָט מיר געוויזן עפּעס ווי אַ פֿײַערל פֿון דער ווײַטנס און האָט מיר אַרײַנגעגעבן אַ געדאַנק, איך זאָל גיין אַהין ווו עס לײַכט זיך. האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן און האָב זיך געלאָזט גיין צום פֿײַערל, ביז געקראָכן אויף הענט און אויף פֿיס גוטע צוויי שעה, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַ גוייִש שטיבל, הינטער אַ גרויסן וואַלד. דער גוי האָט אויף מיר תּחילת געקוקט מיט רוגזה, נאָר אַז ער האָט אָבער דערזען אַז איך שטיי פֿאַר אים אַ דערשראָקענער, אַ דערציטערטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז ער ווייכער געוואָרן און האָט מקיים געווען אין מיר די מיצווה פֿון הכנסת־אורחים, ער האָט מיך מכבד געווען מיט געבראָטענע קאַרטאָפֿליעס, מיט אַ גלעזל וואַרעמס און האָט מיר געגעבן אַן אָרט איבערצונעכטיקן. אויף מאָרגן האָב איך אים אײַנגעבעטן, ער זאָל אײַנשפּאַנען אין מײַן בײַדל אַ פּאָר אָקסן און זאָל מיך אָפּפֿירן קיין בויבעריק, וואָרעם די נאָענסטע שטאָט איז געווען בויבעריק. דערפֿאַר האָב איך אים, אַחוץ זײַן געצאָלטס, מתּיר געווען אָפּצושינדן די פֿעל פֿון מײַן געפּגרט פֿערדל און צו נעמען במתּנה, פֿאַר אַ זכר פֿון אים, די פּאָדקאָוועס. דאָס האָב איך געטאָן מפּני דרכי שלום, זאָל אַן ערל ניט זאָגן, אַז אַ ייִדן טאָר מען ניט טאָן קיין טובֿה, ער ווייסט ניט ווי אָפּצודאַנקען!

קיין בויבעריק בין איך אָנגעקומען צווישן טאָג און נאַכט, ווען עס איז שוין קיין לעבעדיקער נפֿש ניט געווען אין גאַס. אַלע, גרויס און קליין, האָבן שוין געדאַוונט אין די שולן. דעם אמת זאָגנדיק האָב איך דערפֿון שטאַרק הנאה געהאַט. אַ ייִד, פֿאַרשטייט איר

מיך, האָט ליב אומעטום אַרײַנשטעקן די נאָז, אַלצדינג אַ טאָפּ טאָן מיט דער האַנט, אַ ייִד האָט ליב אַלצדינג צו וויסן. נו־נו, ווי מיינט איר, אַ שטייגער, ווען מען דערזעט מיך, אַ באַקאַנטן ייִדן, מענדעלע מוכר־ספֿרים, ווי איך פֿאָר דאָ אין בײַדל מיט אַ פּאָר אָקסן, וואָלט מען זיך מסתּמא צונויפֿגעלאָפֿן קינד און קייט, מען וואָלט געמאַכט אַ וואַרע. ס'וואָלט זיך גערעשט, געפּילדערט מיט אַ הוראַ פֿון מײַן כּבֿוד וועגן. איך בין מיך אָבער אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַ פּשוטער חי־וקיים, איך בין זיי מוחל און אַנטלויף פֿון אַזאַ כּבֿוד.

אין בויבעריק האָב איך אַ באַקאַנטן, אַ גוטן ברודער פֿון אַמאָליקע יאָרן. ער איז אַ מוכר־ספֿרים ווי איך און איז באַוווּסט בכל תּפֿוצות ישׂראל מיטן נאָמען הענדל בויבעריקער פֿון בויבעריק. האָב איך געבעטן דעם גוי, ער זאָל מיך צופֿירן צו הענדלס דירה. פֿאָרנדיק האָב איך צײַט געהאַט צו פֿאַרטיפֿן זיך אין געדאַנקען. אָקסן, ווי ס'איז באַקאַנט, זײַנען ניט קיין לויפֿערס, גייען זיך טריט בײַ טריט, מיט ייִשובֿ־הדעת, פּאַמעלעכן, ניט געײַלט, און מעלה־גירהן. זיץ איך מיר אין וואָגן און קײַ אויך איבער די אַלע בייזע באַגעגענישן, וואָס האָבן זיך אין וועג מיר געטראָפֿן, טראַכט מיר, קײַ איבער און בענק אַהיים צו די בני־בית. ס'טוט מיר ווײ דאָס האַרץ, וואָס ס'איז פֿאַרשטערט געוואָרן מײַן יום־טובֿ, וואָס איך וועל ניט זיצן אויבן אָן ווי אַ מלך נעבן דער מלכּה. די אינדיטשקע האָב איך אויך דערמאָנט צו גוטן, מסתּמא אַ ווילע, אַ פֿעטע אינדיטשקע, גאָר אַ מחיה. עס נעמט מיך אָן אַ חשק, עס בענקט זיך און עס ציט עפּעס אינעווייניק... די אָקסן קריכן, שלעפּן זיך דורך געסלעך און הינטער־געסלעך, ביז זיי שטעלן זיך אָפּ לסוף פֿאַר הענדלס שטוב.

אַ שטיקל צײַט שטיי איך אין דרויסן פֿאַר דער טיר מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ. דאָס איז געווען, מישטיינס געזאָגט, אַ שטיין פֿון אַ פֿאַרשוין, וועלכער טראַכט איבער, שטייענדיק כּעני בפּתח, אפֿשר טרעפֿט ער אָן צו יענעם אין אַ שלעכטער שעה; אפֿשר וועט דער בעל־הבית אויף אים קוקן קרום. נאָר וואָס טוט ניט אַ ייִד פֿאַר נויט? פֿאַר נויט שטופּט ער זיך אַרײַן אומגעריכט און פֿאַר נויט ווערט ער אַן אורח. איך מאַך מיר האַרץ, שטרעק אויס די הענט צו עפֿענען די טיר. איך עפֿן זי שאַ, פּאַמעלעכן און זי מאַכט געוואַלדן, איך שטילערהייט און זי קוויטשעט, ריפּ־סקריפּ, מיט קולי־קולות, אַקוראַט ווי זי האָט צו עמעצן טענות. איך בין

אַרײַנגעקומען אין אַ פֿינצטער פֿאָרהײַזל, אַן אײַנגעבױגענער, אַ ניונקעלע. באַלד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די שטובמענטשן, מיר געמאַכט אַ שײנעם קבלת־פּנים מיט אַ פֿרײד, אַ געשרײ און פֿאַר גרױס שׂימחה זײַנען זײ געװען צעמישט, צעטומלט, ניט צו װיסן װאָס ס׳טוט זיך מיט זײ. אײנער לױפֿט אין שטוב אַרײַן מיט אַ בשׂורה, מיט אַ געװאַלד: געקומען!... ער איז דאָ! דאָ! אַ צװײטער שרײַט אין אײן אָטעם: אַ ליכט! אַ ליכט! צינדט אָן אַ ליכט! אַ װײַבעריש קול הער איך, צוקער־זיס, פֿול מיט חן, מיט ליבשאַפֿט און מיט לײַטזעליקײט און באַלד פֿליט אַרױס העגדום־פּענדום אַ ייִדענע, זי האָט מיר שיער ניט אַרומגעכאַפּט קושן און האַלדזן. זי מאָלט, מישט אױס פֿרײַנדלעכע רײד מיט טענות אין אײן אטעם, פֿרײט זיך און בײזערט זיך אין אײנעם: אַ גאַסט, אַזאַ גאַסט!... סטײַטש, פֿאַר װאָס אַזױ שפּעט?

איך בין צעדרײט געשטאַנען װי אַ נעכטיקער. נאָר װאָס איך האָב געװאָלט עפּענען אַ מױל, זיך פֿאַרענטפֿערן און דערצײלן, װאָס מיט מיר האָט זיך געטראָפֿן, האָט מען אָנגעצונדן אַ ליכט – און מיר זײַנען אַלע געבליבן פֿאַרגאַפֿט שטײן מיט אָפֿענע מײַלער, װי די גולמס!

אַ שײנע סצענע, כ׳לעבן ...!

די מעשׂה דערפֿון איז געװען אַזױ: הענדל איז געהאַט אַװעקגעפֿאָרן מיט סחורה אין װעג אַרײַן. ער האָט נאָך אױף שבת־הגדול געזאָלט קומען אַהײם און איז אַלץ ניט געקומען, האָבן זײַנע בני־בית שטאַרק יסורים געהאַט. און אַז איך בין דאָ צװישן טאָג און נאַכט אין דעם טונקעלן הױז אַרײַנגעקומען, האָבן די קינדער געמײנט דאָס איז דער טאַטע און דאָס װײַב האָט געמײנט דאָס איז דער מאַן אױף פּסח געקומען. איז געװאָרן אַ שׂימחה, אַ גדולה. און אַז זײ האָבן דערזען דעם טעות זײַנען זײ געבליבן שטײן מיט אױפֿגעשטעלטע נעז און אױסגעשטעלטע אױגן.

הענדלס װײַב, איר איז טאַקע פֿאַרשטערט געװאָרן די שׂימחה, זי האָט טאַקע געהאַט יסורים װאָס דער מאַן איז ניטאָ אין דער הײם אױף פּסח און קען ניט זײַן קײן מלך. דאָך אָבער, פֿון דער אַנדערער זײַט, האָט זי געדאַנקט און געלױבט זײַן ליבן נאָמען, װאָס ער האָט איר באַשערט אַ הײמישן מענטשן אױף אָפּריכטן

דעם סדר. זי האָט מיך באַזעצט אויף אַ הסבֿ־בעט אויבן אָן ותּמליכו תּחת הענדל – און זי האָט מיך געטאָן טאָן קעניגן אַנשטאָט הענדלען!

און איך האָב אויך געדאַנקט און געלויבט דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר נסים, וואָס ער האָט פֿון מײַן אַרומוואַלגערן זיך, פֿון מײַן גלות מיך געבראַכט אין אַ היימישער שטוב צו זיצן די הײַנטיקע נאַכט ווי אַ מלך אין בויבעריק און צו עסן מרור און ביצים און פֿיש און קניידלעך און צו זאָגן פֿאַר אים און פֿאַר הענדלס ווײַב די הגדה מיט אַ געזאַנג און מיט אַ לויב, הללויה!

אָבער ניט מיר אַליין האָט זיך געטראָפֿן אַזאַ נס צו ווערן אַ מלך אונגעריכט. ווענדליק איך בין געוווּיר געוואָרן שפּעטער מיט עטלעכע טעג, האָט זיך הענדלען אויך געטראָפֿן פּונקט דער אייגענער נס דעם אייגענעם פּסח.

די מעשׂה איז געווען אַזוי:

הענדל בויבעריקער האָט אָנגעלייגט אַ פֿול בײַדל מיט ספֿרים און איז אַוועק פֿון בויבעריק איבער דער סבֿיבֿה, ווי זײַן שטייגער איז אַלע פֿאַר־פּסח. האָט זיך געמאַכט דאָס אייגענע מיט הענדלען, וואָס מיט מענדלען: אַ שניי מיט אַ רעגן, אַ טוואַן מיט אַ בלאָטע, קאַלושעס מיט גריבער, צרות און שלעק איבערן גאַנצן וועג. זײַן פֿערדל איז אויך געגאַנגען און געפֿאַלן, זיך געוואַלגערט און געזונקען אין בלאָטע. נישמער אויב דאָס פֿערדל איז אַרויס מיט דעם לעבן און ניט געוואָרן קיין נבֿלה איז דאָס, חלילה, ניט פֿאַר זײַן גבֿורה, וואָרעם געווען איז דאָס אַ דאַרס, אַ קוואַרס, מיט קראַנקע פֿיס, מיט אַ בעלמע אויף אַן אויג און מײַן פֿערדל איז לכל־הדעות געווען אַקעגן אים אי געזינטער, אי שענער. נאָר וואָס דען? אין יענע קאַנטן ווו הענדל איז געפֿאָרן, איז די בלאָטע שיטערער און מאַכט ניט אָן אַזוינע אומגליקן, ווי די געדיכטע שטייענדיקע בלאָטע אַרום בויבעריק און גלופּסק. האָט זיך הענדל פּאַוואָלינקע געשלעפּט מיט זײַן פֿערדל, געקראָכן מיט מי און מאַטערניש און אָנגעקומען קיין קאַבצאַנסק פּונקט ערבֿ־פּסח פֿאַר נאַכט. פֿאַרפֿאָרן איז ער גלײַך צו מיר, האָט אָפּגעריכט מיט מײַן ווײַב גאַנץ פֿײַן דעם סדר, געזעסן אויף מײַן הסבֿ־בעט און

געקעניגט אַנשטאָט מיר, שטאַרק צופֿרידן וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ מקום־מנוחה.

דאָס האָט מיר דערציילט טאַקע הענדל אַליין ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט נאָך יום־טובֿ אין מיטן וועג. מיר האָבן זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט פֿון דעם חילוף.

און אַז איך האָב אָנגעהויבן דערציילן הענדלען פֿון מײַן נסיעה קיין גלופּסק צו אויסבײַטן דאָרט אַלטע ספֿרים אויף נײַע, האָט ער געמאַכט עפּעס אַ זויערע מינע ניט צו רעדן אַ וואָרט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

- איר מעגט, כ'לעבן, דאַנקען גאָט, וואָס איר זענט אָפּגעקומען מיטן פֿערדל. אַ שיינע, ריינע כּפּרה, כ'לעבן!

איך האָב אויף הענדלען אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

- וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן, ר' מענדל? איך זאָג אײַך מזל־טובֿ וואָס אײַער פֿערדל איז געפּגרט, וואָרעם צוליב דעם זענט איר באַהיט געוואָרן פֿון אַ נסיעה קיין גלופּסק, און פֿון אַ מיאוסן עסק דאָרט. איר מעגט, כ'לעבן, זײַן צופֿרידן וואָס אײַך איז ניט אויסגעקומען אײַנצוהאַנדלען יענע טײַערע סחורה. אַן אומגליק איז עס, אַ צרה, אַן אָנשיקעניש, ניט קיין סחורה. איך בין אײַך, בנאמנות, שטאַרק מקנא. איצט האָט איר אַ האָפֿענונג פּטור צו ווערן אין גאַנצן פֿון דעם שיינעם מיסחר מיט ספֿרים, אַ־אין דר'ערד אַרײַן אי די אַלטע, אי די נײַע! הלוואי וואָלט מײַן פֿערדל אויך געווען אײַנגענומען אַ מיתה־משונה נאָך פֿריער מיט אַ יאָר, וואָלט איך ניט געוווּסט פֿון דעם נײַער סחורה און וואָלט ניט דערלייגט אַ מטמון מיט געלט. ס'איז דען ספֿרים? שטיינער איז דאָס, קלעצער, ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן. איך זאָג: דערלייגט, נאָר איר מעגט מיר גלייבן, סע אַרט מיך ניט אַזוי דאָס געלט ווי דער אייגענער כּבֿוד. איך האָב דאָך צוליב דער גאָלדענער סחורה געמוזט לײַדן חרפּות מיט בזיונות אויפֿן פּוד. מיט וועמען האָב איך דען געהאַט צו טאָן? מיט אָרעמע בעלי־עבֿירות, מיט ישיבֿה־בחורים, וואָס גלוסטן צו השׂכּלה און האָבן ניט קיין גראָשן בײַ דער נשמה, מיט מלמדים פֿון די ל"ו באַהאַלטענע אַפּיקורסים, מיט ייִנגלעך קונדסים, וואָס אַ מויל האָט עס פֿײַערפֿלאַם און אין די קליינע אותיותלעך – לא מיט אַן אלף; מיט בחורים, וואָס

זײַנען שטומפּיק אויף דער עבֿרי. און טאָמער האָב איך יאָ אַ מאָל אין אַ יובֿל געזען אַ ייִדן, אַ דערוואַקסענעם מענטשן און אַ לײַטישן בעל־הבית פֿון די וואָס איך פֿלעג זיי אָנבאָטן מײַן סחורה, ווײַל איך האָב געהערט אַז זיי זײַנען, ווי זאָגט מען עס, אַ ביסל דאָס... האָב איך אויך געהאַט ווייניק נחת. ניין ר׳ מענדעלע, נאָך אַ מאָל זאָג איך אײַך, ס'איז אַ גליק פֿאַר אײַך, בנאמנות, וואָס דאָס פֿערדל אײַערס איז געפּגרט! הלוואַי וואָלט מײַן פֿערדל אויך פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם סחורה אין איינעם!

און פֿון דעסטוועגן מיינט ניט, רבותי, אַז הענדלס גרימצאָרן האָט געהאַט עפּעס אַ ממשות. חלילה! הענדל האַנדלט נאָך עד־היום מיט ספֿרים ווי אַ מאָל, און איך בין אויך אַ מוכר־ספֿרימניק ווי פֿריער. נאָך דענסטמאָל אַפֿילו, אין מיטן וועג, ווען הענדלען איז אַ ביסל אָפּגעגאַנגען דער כּעס, האָבן מיר שטייענדיק אויף איין פֿוס געמאַכט אַ שטיקל בײַט. איך אים האָב געגעבן חקירה־ספֿרים, מאמרים און דרשות און ער מיר – אַ סך קינות און סליחות. וואָרעם אויף קינות און סליחות איז דעמאָלט גראָד געווען אַ צײַט: ס'איז געגאַנגען וועסנע, אומעטום האָט אָנגעהויבן שפּראָצן, וואַקסן און אחינו בני ישׂראל האָבן זיך געגרייט צו קלאָג, צו געוויין און תּעניתים.

Copyright © 2004 Leonard Prager
All Rights Reserved